בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי

247

תשפ"ב

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן?............................................א

וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַנֵךְ מַיין קְלֵיינֶע מֵיידְל זִיךְ צוּ פִירְן צְנִיעוּת'דִיג?.................ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין רוּחָנִיּוּת אָן הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי?.........ג

וִוי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוער עֶס אִיז אַ גוּטֶער חַבֵר?......................................ה

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה?...............................ו

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיכֶער אַז עֶס הֶערְשְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי מַיין שִׁיעוּר?.................ח

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת?............................................ט

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט אָוֶועקְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן אִידִישְׁקֵייט?.......יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע, אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ צוּ אִים.............א

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת..............................ב

מֶען דַארְף חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת..................................................ג

אַ שָׁאד אִיר קוּמְט מֶער נִישְׁט צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם...............................ג

קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים...................................ד

מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אֱלֹקוּת מִיט חָכְמָה אִינֶעם צֵייטוּנְג.........................ה

מְחַזֵק זַיין דִי אֵייגֶענֶע בְּרוּדֶער.............................................ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים.............ו

אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין...................................................ז

מֶען דַארְף אוֹיפְפְרִישְׁן דָאס הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן............................ח

מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן אוּן פַארְקוֹיפְן נָאר מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר .......................... ח

מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּיס מִיט חָכְמָה ........................................................ ט

נִישְׁט זוּכְן יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת .................................................................. ט

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וֵוייסְט מֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן .... י

מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ עֶסְן נָאר גֶעזוּנְטֶע עֶסְנְוַוארְג ............................. יב

וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם אֱמֶת'ן צַדִיק, שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם גַן עֵדֶן .................. יב

מַאן אוּן וַוייבּ גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף וַואקַאצִיעֶ צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים ............ יג

אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דַיין הִתְנַהֲגוּת ............................................................ יד

לִימוּד מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה מֶער פוּן אַנְדֶערֶע לִימוּדִים .............................. יד

נֶעם דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַאר חֲבֵרִים ........................................................ טו

דִי אַלֶע וָואס טְשֶׁעפֶּען אוּן לַאכְן, וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז .............. טז

קוּק נִישְׁט קַיין סְטֶעטוּס, עֶס שַׁאדְט דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה .............................. טז

אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן,
עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא ....................................................... יז

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ אַלֶעס הָאבְּן .......................... יט

אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיר מִיט דַיין עָבַר, זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת .. כ

מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ .................. כא

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ הֶערְן נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ......... כג

מֶען קֶען מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................ כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אוֹיךְ פַאר פְרוֹיעֶן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אוֹיךְ פַּאר פְרוֹיעֶן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי; תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז פַאר אַלֶעמֶען, סַיי פַאר מֶענֶער אוּן סַיי פַאר פְרוֹיעֶן.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער תִּיקוּן אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ זָאגְן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ – דָאךְ קוּמְט עֶס אָן שְׁוֶוער צוּ טוּן; דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן, אָבֶער וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזָאגְט צוּ טוּן – וֶועט שׁוֹין זַיין אוֹיף דֶעם אַ מְנִיעָה".

עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט צְווִישְׁן סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל אַרַיינְדְרוּקְן אִינֶעם תְּהִלִּים וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן, בַּיים עֶרְשְׁטְן בְּלַאט: "סְגוּלָה גְּדוֹלָה וְתִקּוּן הַבְּרִית לוֹמַר אֵלּוּ עֲשָׂרָה קַאפִּיטְל תְּהִלִּים ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ", אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה אוּן אַ תִּיקוּן הַבְּרִית צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי יֶעדְן טָאג, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַנֵךְ מַיין קְלֵיינֶע מֵיידְל זִיךְ צוּ פִירְן צְנִיעוּת׳דִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין פִיר יֶערִיגֶע טָאכְטֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן דָאקְטָאר אִין אִיר סְקוּל אוֹיף אַ נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע וֶועג, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי מְנַהֶלֶת אוּן זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט עֶס אָפְּשְׁטֶעלְן, אָבֶער צְווֵיי טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט מַיין טָאכְטֶער מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס גֵייט נָאךְ ווַייטֶער אָן, אִיךְ הָאבּ ווִידֶער גֶערֶעדְט מִיט דִי מְנַהֶלֶת אוּן אִיךְ טְרַאכְט אִיר נִישְׁט צוּ שִׁיקְן אִין שׁוּלֶע בִּיז דִי זַאךְ וֶוערְט מְסוּדָר.

אִיךְ רֶעד צוּ מַיין טָאכְטֶער אַז דָאס אִיז נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, אוּן ווִי שַׁיין עֶס אִיז וֶוען אַ אִידִישׁ מֵיידְל פִירְט זִיךְ מִיט צְנִיעוּת, זִי פַארְשְׁטֵייט אוּן זִי נֶעמְט עֶס אָן, זִי ווֵייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג דָאס צוּ טוּן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה וֶוערְט זִי פַארְשְׁפִּילְט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי דָאס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט אָן זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אֵיידְל, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט חַבֵרְ׳טֶעס אֵיידְלֶערְהֵייט; נָאר אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, צוּ נַחַת.

חִינוּךְ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה; אֵיינֶע פוּן דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִיז, אַז מֶען זֶעט

נִישְׁט גְלַייךְ דִי פֵּירוֹת. עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן וִוי מֶען אַרְבֶּעט אוּמְזִיסְט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, דִי קִינְדֶער טוּעֶן וַוייטֶער וָואס זֵיי ווִילְן; דָאס מַאכְט מֶען זָאל מִיד וֶוערְן פוּן רֶעדְן אוּן זָאגְן וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג - טוּט אוֹיף, אַמָאל טוּט עֶס אוֹיף גְלַייךְ אוּן אַמָאל שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער טוּט אוֹיף.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אֵיידְל, פוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט חַבֶרְ'טֶעס נָאר אֵיידְלֶערְהֵייט. קְלֵיינֶע קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, מֶען דַארְף רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין, עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט; מֶען זָאגְט זֵיי "מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי קְלֵייד", "קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּנְטֶער דִי קְלֵיידֶער", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין רוּחָנִיּוּת אָן הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר לִיב דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מְהַלֵּךְ פוּן פַּשְׁטוּת אוּן תְּמִימוּת, אָבֶּער אֵיין זַאךְ עֶגְבֶּערְט מִיר זֵייעֶר, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין רוּחָנִיּוּת אָן הָאבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶער רֶבִּי וָואס זָאל מִיר וַוייזְן דֶער וֶועג? קֶען אִיךְ נִישְׁט פַארְפָּארְן פוּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וֶוען אִיךְ לֶערְן נָאר סְפָרִים אוּן אִיךְ נֶעם מַיין הַדְרָכָה פוּן דָארְט? דַארְף אִיךְ דֶען נִישְׁט אֵיינֶער זָאל מִיר וַוייזְן "כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ", מִיר זָאגְן פוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? אוֹיסֶער דִי כְּלָלִיּוּת'דִיגֶע זַאכְן וִוי הִתְבּוֹדְדוּת, דֶרֶךְ הַלִּימוּד אוּן דָאס גְלַייכְן.

אִיךְ זוּךְ בֶּאֱמֶת דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי קַשְׁיָא דְרוּקְט מִיר שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין מְנוּחָה.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שְׁלוּחִין הֲלָכָה ה, אוֹת יב): "צְרִיכִין לְהַאֲמִין שֶׁבְּוַדַּאי נִמְצָא אֶחָד אוֹ רַבִּים שֶׁהֵם תַּלְמִידָיו הָאֲמִתִּיִּים שֶׁקִּבְּלוּ תּוֹרָתוֹ, וּדְרָכָיו, וַעֲצוֹתָיו, וּרְמָזָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁיְּכוֹלִים לְהַחֲיוֹת אֶת הַכֹּל", מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז זִיכֶער דָא אֵיינֶער אָדֶער אַסַאךְ תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק וָואס זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק, דִי וֶועג פוּנֶעם צַדִּיק, דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, אוּן זֵיי קֶענֶען דָאס וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן, "כִּי אֵין דּוֹר יָתוֹם וּבְוַדַּאי לֹא נִסְתַּלֵּק הַצַּדִּיק עַד שֶׁהִשְׁאִיר אַחֲרָיו בְּרָכָה", דֶער צַדִּיק גֵייט נִישְׁט אַוֶועק אָן אִיבֶּערְלָאזְן זַיין הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף וַוייטֶער, "שֶׁהֵם הַתַּלְמִידִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁלּוֹ, שֶׁהֵם בְּחִינַת הַחֲלִיפוֹת שֶׁלּוֹ", זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער זַיין תּוֹרָה, זַיין עֵצָה; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט דוּרְכְלֶערְנֶען דִי הֲלָכָה אוּן זֶען אַז מֶען קֶען טְרֶעפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צְוִוישְׁן דִי תַּלְמִידִים.

מֶען דַארְף אַסַאךְ זוּכְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִּיק. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם, אוֹת ה): "וְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל צָרִיךְ לִזָּהֵר בָּזֶה מְאֹד כָּל יָמָיו, לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ רַבִּי אֲמִתִּי כָּזֶה", יֶעדֶער אֵיינֶער, פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין - דַארְף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, "כִּי אֲפִלּוּ מִי שֶׁזּוֹכֶה לִמְצֹא לְעַצְמוֹ רַבִּי אוֹ חָבֵר אֲמִתִּי שֶׁקִּבֵּל מִצַּדִּיקֵי אֱמֶת דִּבְרֵי אֱמֶת הַמּוֹעִילִים לְנַפְשׁוֹ בֶּאֱמֶת, אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם", וַוייל אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ רֶבִּי אָדֶער אַן אֱמֶת'ער חָבֵר וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן צַדִּיקֵי אֱמֶת דַארְף אוֹיךְ זוּכְן יֶעדְן טָאג צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן צוּ קֶענֶען מֶער מְקַבֵּל זַיין, "כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים", מֶען קֶען זִיצְן נֶעבְּן צַדִּיק אוּן מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דִי לִיכְטִיגְקֵייט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִּיק, עֶס אִיז נָאכְאַלְץ טוּנְקֶל.

אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וֶועם צוּ פְרֶעגְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי ווייס אִיךְ ווער עֶס אִיז אַ גוּטֶער חָבֵר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים אִיבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וויל אִיךְ פְרֶעגְן וועגְן דֶעם, ווער אִיז אַ גוּטֶער חָבֵר? אוּן אוֹיבּ ווער אִיךְ גֶעוואוֹיר אַז אֵיינֶער וואס אִיךְ קֶען זִיךְ מִיט אִים, אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער חָבֵר - וואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַאנַ"שׁ הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סִימָן צוּ ווִיסְן ווער אִיז עֶרְלִיךְ אוּן ווער נִישְׁט, מֶען זָאל הֶערְן ווִי אַזוֹי יֶענֶער רֶעדְט; רֶעדְן אִיז דֶער פֶּענֶע פוּן הַארְץ. אַן עֶרְלִיכֶער אִיד קֶען נִישְׁט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, שֵׁיינֶע זַאכְן; עֶר רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת, עֶר גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע ווערְטֶער; ווִידֶער אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער אִיד, ווען עֶר רֶעדְט - הֶערְט מֶען גְלַייךְ אוֹיף דַיין רֶעדְן ווער עֶר אִיז. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה", ווער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, "בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחְשָׁבוֹת אָוֶן", ווייסְט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

אַז דוּ הֶערְסְט בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי אַזוֹי ווִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן אַ סַכָּנָה! ווייל חַס וְחָלִילָה אוֹיבּ מֶען הֶערְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן מֶען שְׁווַייגְט - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ד): "הַמְנַבֵּל פִּיו", דֶער וואס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, "אֲפִלּוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה", אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים פַארְזִיגְלְט אַ גוּטֶע גְּזַר דִּין, "הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", דְרֵיידְט מֶען עֶס

אִיבֶּער אוֹיף שְׁלֶעכְט, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵיהִנֹּם", אוֹיךְ מַאכְט מֶען אִים טִיפֶער דֶעם גֵיהִנוֹם, "גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק", אוּן דָאס אַלֶעס פַּאסִירְט אוֹיךְ פַאר דִי וָואס הֶערְן נִיבּוּל פֶּה אוּן שְׁוַוייגְן.

אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען זָאגְט דִי בְּרָכוֹת דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"וְהַרְחִיקֵנוּ מֵאָדָם רָע, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דֶערְוַוייטֶער מִיךְ פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, וּמֵחָבֵר רָע, אוּן דֶערְוַוייטֶער מִיר פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער חָבֵר"**; וַוייל אַ שְׁלֶעכְטֶער חָבֵר אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִיר מִשְׁפָּחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶפֶּעס וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן. מַיין וַוייבּ אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַן אֵשֶׁת חַיִל אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע אָבֶּער בַּיי אִיר מִשְׁפָּחָה הָאט זִי זִיךְ אֵייבִּיג גֶעפִילְט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוּן דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי קַאלְטְקֵייט וָואס אִיז גֶעוֶוען צוּ אִיר אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ קֶעלְטֶער בִּיז מֶען רֶעדְט שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט, אוּן אוֹיף שִׂמְחוֹת גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַ קַאלְטֶע מַזָּל טוֹב.

אִירֶע עֶלְטֶערְן הָאט זִי זִיךְ אָבֶּער יָא גֶעשְׁטַארְקְט צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן אָנְרוּפְן, אָבֶּער לֶעצְטְנְס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה אִין דִי מִשְׁפָּחָה וָואס זִי הָאט אוֹיסְגֶעפִינֶען דֶערְפוּן נָאר פוּן דִי גַאס; דָאס הָאט אִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אוּן זִי הָאט נָאךְ צוּרִיק גֶעהֶערְט אַז אִירֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן דֶערְוֶועגְן; דָאס טוּט אִיר גָאר שְׁטַארְק וֵויי אוּן זִי וִויל לִכְבוֹד דֶעם אָפְּהַאקְן אִינְגַאנְצְן שַׁיְיכוּת אוֹיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט אִיר וֵוייטָאג, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן אִין אַזַא פַאל, אִיךְ פְּרוּבִיר אִיר מְחַזֵּק צוּ זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אָבֶּער מֶעג אִיךְ אִיר מְחַזֵּק זַיין צוּ זַיין אָפְּגֶעהַאקְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן? זִי בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה, וַוייל אוֹיבּ יָא וֶועט דָאס אִיר זֵייעֶר וֵויי טוּן, זָאל אִיךְ גֵיין אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין אַהֲרֹן הַכֹּהֵן; וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל אִיר, וִוי שֵׁיין מֶען רֶעדְט פוּן אִיר, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן וִוי שְׁטַארְק זִי בֶּענְקְט צוּ זֵיי אוּן וִוי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט קוּמֶען, זַיין נָאנְט - בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן שָׁלוֹם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן יב, ג) אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין שָׁלוֹם, עֶר הָאט גֶענוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען צֶערִיסְן אוּן צֶעטֵיילְט אוּן מִיט חָכְמָה גֶעמַאכְט שָׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: "יֶענֶער הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר ווִיל צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ", אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן צְוֵוייטְן - בִּיז וֶוען דִי צְוֵויי הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעטְרָאפְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, זִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם.

וֶוען עֶס אִיז דָא אַ רַייבֶּערַיי צְווִישְׁן דַיין וַוייבּ אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אָדֶער דִי וַוייבּ מִיטְ'ן מַאנְ'ס עֶלְטֶערְן - אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם מַאן צוּ זַיין אַ לִיגְנֶער, אַבִּי עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם. מֶען זָאגְט פַאר דִי וַוייבּ: "מַיין מַאמֶע הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ", "מַיין טַאטֶע הָאט מִיר פּוּנְקְט גֶעזָאגְט אַז דִי בֶּעסְטֶע שְׁנִיר בִּיסְטוּ", אָדֶער "דַיין מַאמֶע אִיז אַ קְלוּגֶע פְרוֹי", "דַיין טַאטֶע אִיז אַזַא נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ"; נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף צוּרִיק, בִּיז עֶס וֶוערְט שָׁלוֹם.

גְלֵייבּ מִיר, מִיט אַבִּיסֶעלֶע שֵׂכֶל קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן אָן קַיין מַחֲלֹקֶת, אָן קַיין קְרִיגֶערַייעֶן, אָן קַיין עֶסֶענִישׁ; אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּיְ'ן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ טָאג אוּן נַאכְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ יֶעדֶער אִיז גֶערֶעכְט, אוּן דָאס לֶעבְּן גֵייט פַארְבֵּיי מִיט מַחֲלֹקֶת; מִיטְ'ן רֶבִּיְ'ן אִיז זִיס, מִיטְ'ן רֶבִּיְ'ן אִיז גוּט.

לָאמִיר זִינְגֶען: "אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וּמַה נָּעִים - וִוי זִיס אִיז - גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר וֵוייסְן וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין אִין דִי וֶועלְט אָן וֵוייטָאג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיכֶער אַז עֶס הֶערְשְׁט דֶּרֶךְ אֶרֶץ בַּיי מַיין שִׁיעוּר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זוֹכֶה בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר פַּאר בָּחוּרִים, מִיט חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דִי דִיבּוּרִים זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר מְחַזֵּק. אִיךְ דַאנְק זֵייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי פִילֶע עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל צוּם לֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, אוּן זִיכֶער אוֹיךְ נָאךְ פִילֶע אִידְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז עֶס זָאל זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ בַּיי מַיין שִׁיעוּר, אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן אוּן זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן. אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן שֵׁיינֶע דִּבְרֵי חִיזּוּק, עֶס זָאל זַיין גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן, עֶס פַּאסִירְט אָבֶּער צוּמָאל אַז טֵייל בָּחוּרִים הוֹיבְּן אָן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זֵייטִיגֶע זַאכְן בַּיים שִׁיעוּר, אוּן דַאן דַארְף אִיךְ זֵיי מְעוֹרֵר זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמַאק צוּ דַארְפְן אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם שִׁיעוּר אוּן זֵיי אוֹיפְמֶערְקְן אוֹיף דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אוּן דָאס אִיז זִיכֶער אוֹיךְ נִישְׁט גֶעשְׁמַאק פַאר זֵיי.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז בַּיי מַיין שִׁיעוּר רֶעדְט מֶען נִישְׁט אוּן מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ קֶענֶען רוּאִיג רֶעדְן אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי רֵיינֶע יִרְאַת שָׁמַיִם אָן קַיין הַפְסָקוֹת?

יְיִשַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״ב אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): ״דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה״, דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז פַאר תּוֹרָה; כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה אִיז נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, אָן דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע לִימּוּד וָואס דוּ דַארְפְסְט אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶס מוּז זַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ וֶוען מֶען לֶערְנְט, פַאר דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן; אַז מֶען רֶעדְט, מֶען לַאכְט - אִיז אַ שָׁאד דִי אַרְבֶּעט, עֶס אִיז

אוּמְזִיסְט דִי אַרְבֶּעט.

בַּיי אַלֶע צַדִיקִים אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ (דִיסְצִיפְּלִין). מִיר גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר גוּט וִוי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט בַּיי מוֹהֲרָא״ש, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז מוֹהֲרָא״ש קוּמְט אַרָאפּ אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁטִיל, אוּן וֶוען מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר הָאבְּן מִיר זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן פְּלַאץ, מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטַאנֶען בְּאֵימָה וְיִרְאָה כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין; אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע צַדִיקִים, מֶען אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ.

בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה לֶערְנְט מֶען דָאס מִיט דִי בָּחוּרִים, עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיי דִי שִׁיעוּר, אִיךְ שְׁטֵיי זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוֹיף דֶעם; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין. אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן, לֶערְן מִיט דִי בָּחוּרִים, פַארְלַאנְג פוּן זֵיי זֵיי זָאלְן זִיצְן שְׁטִיל בַּיים שִׁיעוּר; דַארְפְסְט נִישְׁט גֶעבְּן קַיין לַאנְגֶע שִׁיעוּרִים, קֶענְסְט אָנְהוֹיבְּן מִיט קְלֵיינֶע שִׁיעוּרִים, אָבֶּער אִין דִי פָּאר מִינוּט מוּזְן זֵיי זִיצְן שְׁטִיל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג; קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאבְּן לִיבּ אַ שְׁטְרֶענְגֶע סֵדֶר, אֲפִילוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן גְלַייכְן צוּ זַיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען פַארְלַאנְגְט וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פַאל לֵיידֶער דוּרְךְ אַסַאךְ מָאל אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיךְ פַארְגֶעס אִיךְ אַסַאךְ מָאל צוּ לֵייגְן תְּפִלִין רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְלוֹירְן דִי פַארְבִּינְדוּנְג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ לֵייגְן תְּפִלִין יֶעדְן טָאג, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - אִיז זֵייעֶר אַ הארְבֶּע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ לִיגְסְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית - אִיז נָאר דָא דִי אֵיין עֵצָה פוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס!" אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָגִיל

אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה - וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן דִי כֹּחוֹת זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה.

נָאךְ אַן עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָא, דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ; וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים מִיט דִי זַאךְ, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע אַרְבֶּעט אוֹיף אִים אוּן וַוארְפְט אִים אַרָאפּ נָאכְאַנַאנְד. הִתְבּוֹדְדוּת אִיז, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן, מֶען בֶּעט אִים אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט אַ חַבֵר. נֶעם דִי עֵצָה, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט, עֶס קֶען זַיין אִין אַ לֵיידִיגֶע שְׁטוּבּ וְכַדוֹמֶה, אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף, אִיךְ זִינְדִיג אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ ווִיל דָאס אָבֶּער נִישְׁט טוּן, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין דֶעם אָבֶּער אִיךְ ווִיל נִישְׁט; אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ פַארְלִיר מַיינֶע כֹּחוֹת; הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶע מִיר, הַצִּילֵנוּ אָב הָרַחֲמָן. וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְוָוארְפְן וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט. אִיךְ בְּרֶענְג מִיר צָרוֹת, אִיךְ וֵויס אַז דִי עֲבֵירָה מַאכְט אַלֶע צָרוֹת; אַלֶע מַחֲלֹקֶת, אַלֶע שְׁלֶעכְטְס - אַלֶעס קוּמְט פוּן דִי עֲבֵירָה, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר!"

אַזוֹי זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים, וֵויין צוּ אִים; קוֹדֶם וֶועסְטוּ אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ" - נֶעמְט עֶר אַרָאפּ אַלֶע דִינִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת - בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה - מֶעקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיינֶע זִינְד.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת: תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - וֶועסְטוּ זֶען ווִי

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי טוּמְאָה.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הָאט אַוֶועקְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן אִידִישְׁקֵייט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ חַבֵר וָואס זַיין זוּן הָאט לֹא עָלֵינוּ אַוֶועק גֶעגְלִיטְשְׁט פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אוּן דֶער זוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אַ מֵיידְל, אוּן דֶער טַאטֶע וֵויסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

עֶר הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט נָאר וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן עֶר וויל אַז אִיךְ זָאל פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען אִים אַן עֵצָה גֶעבְּן.

אַגַב זָאגְט עֶר מִיר אַז זַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים פַאר פֶּסַח אוּן עֶר וויל אִיר מִיטְבְּרֶענְגֶען, עֶר זָאגְט מִיר אַז אוֹיבּ זַיין זוּן קוּמְט טַאקֶע מוּז עֶר אַוֶועקְפָארְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּ אַן הָאטֶעל אוֹיף פֶּסַח, צוּזַאמֶען מִיט דֶעם זוּן.

וָואס זָאל עֶר טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָאג דַיין חַבֵר עֶר זָאל נִישְׁט אָפְּהַאקְן מִיט זַיין זוּן; זָאג אִים עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין זוּן הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִידִישֶׁע מֵיידְל, וָואס וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט טוּן וֶוען זַיין זוּן אַנְטְלוֹיפְט אוּן מִישְׁט זִיךְ אוֹיס מִיט אוּמוֹת הָעוֹלָם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ? אַז זַיין זוּן הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִידִישֶׁע מֵיידְל - זָאל עֶר רֶעדְן מִיט אִים אוּן אִים מְחַזֵק זַיין, עֶר זָאל זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן כְּדַת וְכַדִין. זָאג דַיין חַבֵר אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֵיין מַעֲשֶׂה וָואס פַּאסִירְט, דָאס אִיז מַעֲשִׂיוֹת וָואס פַּאסִירְן בַּיי דִי שֶׁענְסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת; קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק, מֶען פַאלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; וָואס טוּעֶן עֶלְטֶערְן?

קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן נֶעמֶען אַ טֵייל אִין דִי שִׂמְחָה, זֵיי מַאכְן דִי שִׂמְחָה, זֵיי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶר קִינְד אִיז אַ אִיד אוּן הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ אִיד, אוּן מֶען בֶּעט פַּאר זֵיי אוּן פַּאר אַלֶע קִינְדֶער אַז אַלֶע זָאלְן גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

זָאג דַיין חָבֵר עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער זוּן זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְצֵייל אִים דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי נַפְתָּלִי, אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶענוּמֶען אַלְס אַן עֵדוּת פַּאר דִי הַבְטָחָה וֶועגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. דֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, פְלֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיּוּן אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן; תְּפִלָה הֶעלְפְט, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַּאר זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי דִיךְ נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַזַא כֹּחַ פוּן דַאוֶונֶען, פַּארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן? וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" זָאל עֶר אַזוֹי טוּן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אַלֶע גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

זָאג דַיין חָבֵר עֶר זָאל רֶעדְן צוּ זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר זָאל זֵיי זָאגְן אַז מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיפְ'ן בְּרוּדֶער, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט; אַזוֹי וִוי עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גוּף אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אַזוֹי אִיז דָא נֶעבֶּעךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט; מֶען זָאל אִים מְקָרֵב זַיין, מֶען זָאל בֶּעטְן פַּאר אִים. זָאג דַיין חָבֵר עֶר זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין סוֹד פוּן דֶעם פַּאר דִי קִינְדֶער, ווַייל אַזוֹי וִוי אִים פַּיינִיגְט עֶס, פַּיינִיגְט דָאס אוֹיךְ דִי בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער; עֶר זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, מֶען דַארְף רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם, עֶס אִיז גֶעזוּנְט דָאס אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן.

אוֹיב וֶועט דֶער זוּן שְׁפִּירְן וִוי דִי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן אִים ווַייטֶער לִיבּ - וֶועט מֶען קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי אִים וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים עֶר זָאל אָנְטוּן אַ קַאפְּל, אוּן אַז עֶר קוּמְט מִיט זַיין כַּלָה - זִי זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן אַבִּיסְל אֵיידֶעלֶער וְכוּ'; זֵיי וֶועלְן זִיךְ זִיכֶער צוּשְׁטֶעלְן.

נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט מָשִׁיחַ, אַלֶע אִידְן וֶועלְן צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע, אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ צוּ אִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר א', פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב**
**מָרַת ... תִּחְיֶ', בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר אִינְפֶּעקְשְׁן וָואס הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיקְקוּמֶען; נֶעמְט זִיךְ פָּאר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן וִוי אַזוֹי אִיר רֶעדְט צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט וֵוי טוּן קֵיינֶעם.

וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע – אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ צוּ אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ – פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים; אַז אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע, נִישְׁט וֵוי טוּן אַנְדֶערֶע – וֶועלְן אַייעֶרֶע אִינְפֶּעקְשְׁנְס אַוֶועק גֵיין; אִיר וֶועט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אוֹיךְ צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת הַכָּבוֹד, אוּן פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ צוּ אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן זָאלְט אִיר רֶעדְן וֵוייךְ אוּן שֵׁיין.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי פָּאר וֶוערְטֶער:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הַיינְט קֵיינֶעם נִישְׁט וֵוי טוּן, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן וֵוי גֶעטוּן דוּרְךְ מִיר. אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ, וְאַל יַעֲלֶה שׁוּם שִׂנְאָה – אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן".

...

## קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר א', פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זוּכְט צוּ וַוייזְן לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן וֶוען מֶענְטְשְׁן קוּקְן, וֶוען אִיר גֵייט שְׁפַּאצִירְן אִין גַאס מַאכְט אִיר זִיךְ בַּא'טַעמְ'ט וְכוּ', וֶוען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַייךְ אַנְטְקֶעגְן שְׁמֵייכְלְט אִיר שְׁטֶערְקֶער צוּ אַייעֶר מַאן אוּן אִיר מַאכְט מִיט דִי הֶענְט, מִיט דִי פִּיס אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיסְגֵיין פַאר קִנְאָה וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער, פַארְוֶועם? פַארְוָואס? פַאר וְוִי? קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַייךְ, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת. אַסַאךְ יוּנְגֶע קָאפְּלְס הָאבְּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת וְכוּ'; פַארְוָואס זָאלְט אִיר אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער וֶוען קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט וְכוּ'? וֶוער הָאט צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן? מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַ פַּאשְׁקֶעוִויל וָואס מֶען הָאט גֶעוָוארְפְן אוֹיף מִיר, מוֹהֲרָא"ש שְׁמֵייכְלְט צוּ מִיר אוּן זָאגְט מִיר: "וֶוער קוּקְט אוֹיף דֶעם? וֶוער הָאט צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן?" דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, אִיר מֵיינְט אִיר גֵייט אִין גַאס אוּן אַלֶע הָאבְּן נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן נָאר צוּ קוּקְן אוֹיף אַייךְ וְוִי אִיר שְׁמֵייכְלְט צוּ אַייעֶר מַאן?

וָואס מֵיינְט אִיר, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַייךְ? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כה): "צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מֵהַמְדַמֶּה", מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִמְיוֹנוֹת, "וְלַעֲלוֹת אֶל הַשֵּׂכֶל", אוּן צוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן שֵׂכֶל, "וְאִי אֶפְשָׁר לְהַכְנִיעַ הַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַמְּנִיעוֹת, אֶלָּא עַל יְדֵי גְּדֻלּוֹת הַבּוֹרֵא", מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת, שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, תַּאֲווֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - נָאר אַז מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְוִי גְרוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז; נָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצד): "מִי שֶׁרוֹצֶה כָּבוֹד הוּא שׁוֹטֶה", וֶוער עֶס דַארְף כָּבוֹד אִיז אַ שׁוֹטֶה; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אִיז נִישְׁטָא דִי אַלֶע קַטְנוּת הַדַעַת.

**בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל צוּ וִויסְן אַז**

דוּ בִּיסְט דָא, אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס אוֹיסֶער טְרַאכְטְן פוּן דִיר - אִיז נָאר דִמְיוֹנוֹת. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן מַיין לֶעבְן, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן פוּן מִיר״.

...

## מֶען דַארְף חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר א׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַאר מִשְׁפַּחַת ...**

מֶען דַארְף חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת, וַוייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֲלָכוֹת - קֶען מֶען פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, נָאר אַז מֶען הִיט טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה - הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִינְאֵיינֶעם מַאן אוּן וַוייבּ צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר.

...

## אַ שָׁאד אִיר קוּמְט מֶער נִישְׁט צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ו אֲדָר א׳, שׁוּשַׁן פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַ שָׁאד אִיר קוּמְט מֶער נִישְׁט צוּ דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם; מֶען שְׁפִּילְט אוֹיף בַּיים צַאמְקוּם אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, אַזוֹיפִיל חִיזוּק, אַזוֹיפִיל חָכְמָה וִוי אַזוֹי צוּ בּוֹיעֶן אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר מִיט'ן מַאן, אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל.

אַ שָׁאד אִיר קוּמְט נִישְׁט, פְּרוּבִּירְט צוּ קוּמֶען; אוֹיבּ אִיז צוּ שְׁוֶוער יֶעדֶע וָואךְ - קוּמְט כָאטְשׁ אֵיינְמָאל יֶעדֶע צְוֵויי וָואכְן, אָדֶער אֵיין מָאל אַ חוֹדֶשׁ.

מֶען מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, מֶען מוּז הָאבְן חִיזוּק; וִוי שְׁטַארְק מֶען זָאל נָאר זַיין - דַארְף מֶען אוֹיךְ חִיזוּק פוּן רֶעבִּי'ן.

...

### קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּינְ'ס קִינְדֶער יָארְן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד הָאט עֶר גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד", שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְרַאכְט פוּן דִי שֵׁם הַוַי"ה בָּרוּךְ הוּא.

לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, לָאמִיר פַארְמַאכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוֹת יוּ"ד, יֶעצְט פוּן דֶעם אוֹת הֵ"י, יֶעצְט אוֹת וָ"ו אוּן אוֹת הֵ"י. יֶעצְט לָאמִיר טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע פִיר אוֹתִיּוֹת אִינְאֵיינֶעם, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס מָאל מֶען טְרַאכְט פוּן דִי פִיר הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת י-ק-ו-ק אִיז מֶען מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ תַּעֲנוּג יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז מְיַחֵד אַ שֵׁם, דָאס פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָאר אַלְס קְלֵיין קִינְד.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִין חֶדֶר בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען גְמָרָא הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ פַארְטְרַאכְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת, זַיין מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט גֶעוּוּיסְט פַארְוָואס דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן חָלוֹמְ'ט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוּוּיסְט וָואס דָא טוּט זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן עֶר זָאל נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן. מִיר וֵוייסְן אָבֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַפָּאר זַאכְן, 1) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טְרַאכְטְן דֶעם שֵׁם הַוַי"ה. 2) דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר קִינְדֶער, קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן. 3) יֶעצְט וֵוייסְן מִיר שׁוֹין וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְיַחֵד יִחוּדִים, מִיר קֶענֶען דָאס אוֹיךְ טוּן; מֶען טְרַאכְט פוּן אוֹת י', פוּן אוֹת ה', אוֹת ו' אוּן אוֹת ה'; עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אַ שָׁאד מִיר זָאלְן דָאס נִישְׁט טוּן. 4) מִיר לֶערְנֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, אַ צַדִּיק טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר חָלוֹמְ'ט - וֵוייסְן מִיר אַז עֶר טְרַאכְט פוּן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

...

## מֶען דאַרְף אַרייַנְלֵייגְן אֱלֹקוּת מִיט חָכְמָה אִינֶעם צֵייטוּנְג

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דֶער "שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל" אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה; מֶענְטְשְׁן וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ לֵיינֶען אַ צֵייטוּנְג ווי נֶעמֶען אַ סֵפֶר, דַארְף מֶען מִיט חָכְמָה אַרייַנְלֵייגְן אִינֶעם צֵייטוּנְג - אֱלֹקוּת, און אוֹיךְ די עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דֶרֶךְ הַלִּימוּד וְכַדוֹמֶה.

דָא הָאסְטוּ אַ קְלֵיינֶע נֵייעֶס פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד:

ווילְיַאמְסְבּוּרְג. דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם וָואךְ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי די בָּאטֶע בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִינְדֶערְהֵיים אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ סִיוּם פוּן מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד, הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. ר׳ מֹשֶׁה אַרְיֵ׳ שְׁנִיצְלֶער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בְּמֶשֶׁךְ פִינְף און צְוָואנְצִיג יָאר צוּ מְסַיֵּים זַיין הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט, אִינְטֶערֶעסַאנְט, אִינֶעם הַיינְטִיגְן בְּלַאט גְמָרָא, מַסֶכֶת חֲגִיגָה דַף ט׳, זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עָמוּד ב): "אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס לֶערְנְט אַ פֶּרֶק הוּנְדֶערְט מָאל, "לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", צוּ דֶער וָואס לֶערְנְט אַ פֶּרֶק הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל; אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דֶער סִיוּם אִיז פוּנְקְט דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג.

מֹשֶׁה אַרְיֵ׳ הָאט דֶערְצֵיילְט: "עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעם עֶרְשְׁטְן זוּמֶער וֶוען די יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, זוּמֶער שְׁנַת תשס"ט, - בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָארְט אַ בָּאנְגֶעלָאוּ. אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים טוּר מִיט לְבוּשׁ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט ׳הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעלֶערְנְט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת?׳ נָאכְן עֶנְטְפֶערְן ׳נֵיין׳ הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט ׳לֶערְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים׳; דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְן דֶעם שְׁטוּפּ צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג מִשְׁנָיוֹת".

עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. אֵיינֶע פוּן די בַּאטֵיילִיגְטֶע גֶעבְן אִיבֶּער, עֶר הָאט אַלְץ גֶעוְויסְט אַז מֹשֶׁה אַרְיֵ׳ אִיז רַייךְ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוְויסְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי רַייךְ; עֶר הָאט הוּנְדֶערְט און אֵיין בִּילְיָאן! נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז רַייךְ, נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט זִיךְ בַּארוּמֶען: "וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת זָאגְט מֶען גְלַייךְ אוֹיף אִים 'עֶר בַּאלַאנְגְט בַּיי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'"; דָאס זֶעט מֶען אַלְץ בַּיי משֶׁה אַרְיֵ', וואוּ עֶר גֵייט, וואוּ עֶר שְׁטֵייט - הַאלְט עֶר מִיט זִיךְ אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ רִיכְטִיגֶער תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אַזֶעלְכֶע נֵייעֶס זָאלְסְטוּ מַאכְן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, יָפוּצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה.

...

### מְחַזֵק זַיין דִי אֵייגֶענֶע בְּרוּדֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים - זָאלְסְטוּ אִים וַוייטֶער רוּפְן צוּ דִי סְעוּדוֹת; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ מְחַזֵק זַיין דִי אֵייגֶענֶע בְּרוּדֶער, עֶר זָאל הָאבְּן שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת גֶעשְׁמַאקֶערְהֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל צוּרִיקקוּמֶען צוּ אִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חֲגִיגָה יב.): "אָדָם הָרִאשׁוֹן מִן הָאָרֶץ עַד לָרָקִיעַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אָדָם הָרִאשׁוֹן פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל, "כֵּיוָן שֶׁסָּרַח",

ווען אָדָם הָרִאשׁוֹן האט געזינדיגט, "הֵנִיחַ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יָדָיו עָלָיו", האט דער אייבערשטער אים אויסגעשטרעקט די האנט אזוי ווי א טאטע שטרעקט אויס זיינע הענט צו זיין זון, "וּמְעָטוֹ", און אים קליין געמאכט; פשט איז, דער אייבערשטער שטרעקט אויס זיינע הענט כביכול אז דער מענטש זאל תשובה טון, ער ווייזט זיין רחמנות אזוי ווי מען ווייזט רחמנות פאר א קליינטשיגן.

וואויל איז דעם וואס לעבט מיט די הקדמה, ער ווייסט אז ער קען שטענדיג צוריקקומען צום אייבערשטן, ער הויבט שטענדיג אן פונדאסניי צו זיין אן ערליכער איד.

...

## אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב דיר שוין אזוי לאנג נישט געזען, איך האף דו ביסט נאך מקורב צום הייליגן רבי'ן.

אמאל פלעגן מיר זיך זען כאטשיג איינמאל א וואך, ליל שישי; היינט ווען מען קומט זיך צוזאם באזונדער אין קרית יואל, מאנסי, לעיקוואוד, ליבערטי; ענק זעען מיר אבער איך זע ענק נישט, עס קען אויסקומען א לאנגע צייט זיך נישט צו זען.

איך האף דו לערנסט נאך דיינע שיעורים כסדרן, מקרא, משנה, גמרא און מדרש. דו ביסט זיך מתבודד, דו גייסט דאווענען די דריי תפילות מיט מנין; איך ווארט צו הערן פון דיר, איך ווארט צו הערן פון די תלמידים, חברים.

שטארק זיך ברודער, באניי זיך, ווער פריש מקורב. דער רבי האט געזאגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין; נִישְׁט קַיין אַלְטֶער חָסִיד, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער לַמְדָן", נישט אלט, נאר כסדר זיך באנייען.

...

**מֶען דַארְף אוֹיפְפְרִישְׁן דָאס הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ער בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְךְ זַיין סֵפֶר, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען".

טֵייעֶרְער ..., מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; עֶס וֶועט דִיר אוֹיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאךְ דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּרוּדֶער, אִיךְ גֶעדֶענְק דַיין הִתְקַרְבוּת יָארְן צוּרִיק, הָאסְט גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזָא פְרִישְׁקֵייט; בַּאנֵיי זִיךְ, פְּרִישׁ זִיךְ אוֹיף.

...

**מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן אוּן פַארְקוֹיפְן נָאר מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְקוֹיפְן זַאכְן אָן אַ הֶכְשֵׁר, לֶעצְטְנְס הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְקוֹיפְן פֶערְטִיגֶע עֶסְן; עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען שְׁטִיצְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אָבֶּער עֶס דַארְף הָאבְּן אַן הֶכְשֵׁר, מֶען קֶען נִישְׁט קוֹיפְן אוּן פַארְקוֹיפְן נָאר מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט נִסִּים מִיט דִיר בִּיז אַהֶער, עֶר וֶועט מַאכְן נִסִּים מִיט עֶנְק וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אִים - מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאךְ נִסִּים.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אִין דַיין פֶּעלְד פַאר אַפָּאר מִינוּט; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים אוֹיף וַוייטֶער.

...

## מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן וָואס עֶס גֵייט דַיין וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר עַיִן הָרָע; מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן דֶעם דָאקְטֶער בִּכְלַל, אַלֶעס צוּלִיבּ עַיִן הָרָע.

אַז דִי עֶלְטֶערְן מוּטְשֶׁען וְכוּ', זֵיי פְרֶעגְן וְכוּ' - זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן וִוי אִיר וֵוייסְט נִישְׁט, וִוי אִיר פְרֶעגְט נִישְׁט; מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מְגִיב זַיין וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דָא נֵייעֶס וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "יֶעצְט הָאסְטוּ נַיין חֳדָשִׁים צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַלֶעס גוּט, מֶען זָאל הָאבְן גְרִינְג וְכוּ' וְכוּ'".

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט זוּכְן יֶענֶעמְ'ס חֶסְרוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דוּ בִּיסְט אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן אוּן דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, בֵּיידֶע זֶענְט אִיר זֵייעֶר ווּאוֹילֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בֵּיידֶע פוּן אַייךְ הָאבְן נָאךְ זַאכְן וָואס זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן.

דוּ דַארְפְסְט אוֹיפְזוּכְן דִי מַעֲלוֹת פוּן דַיין וַוייבּ אוּן פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת,

און זי וֶועט אוֹיפְזוּכְן דַיינֶע מַעֲלוֹת און אַרְבֶּעטְן אוֹיף אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת; דוּ קֶענְסְט נִישְׁט און דוּ טָארְסְט נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת - נָאר אַזוֹי וֶועט בְּלַייבְּן עֶנְקֶער שְׁטוּבּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צַאמְפַאלְן. דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם - עֶר ווִיל אֵיין זַאךְ, דוּ זָאלְסְט צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ, הָיָ' לֹא תִהְיֶ'; נִישְׁט נָאר דַיין שְׁטוּבּ ווִיל עֶר צֶעבְּרֶעכְן, נָאר אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, עֶר אַרְבֶּעט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַנְדֶערֶע וֶועגְן.

אוֹיבּ אִיז דָא זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט דִיר פוּן דַיין וַוייבּ - זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן. דַיין וַוייבּ ווִיל זַיין גוּט, זִי אַרְבֶּעט אוֹיף זִיךְ, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר.

אִיךְ וֶועל זַיין דֶעם שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, מוֹצָאֵי שַׁבָּת ווִיל אִיךְ רֶעדְן מִיט עֶנְק; פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט ...

...

## ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וֵוייסְט מֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ...**

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר זוּנְטָאג מִיט דַיין וַוייבּ הָאט זִי זִיךְ זֵייעֶר צוּאַוֵויינְט אַז דוּ זָאגְסְט אִיר זִי זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וַוייל זִי שְׁטֶערְט וְכוּ'.

ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר מְחַזֵק זַיין צוּ קוּמֶען, צוּ פְרֶעגְן און צוּ בֶּעטְן בְּרָכוֹת, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט וֶוען זִי זִיצְט מִיט דִיר און זִי פְרֶעגְט אַסַאךְ שְׁאֵלוֹת. פְרֵיי זִיךְ אַז זִי קוּמְט דָא, מֶען וֶועט אִיר נָאר מְחַזֵק זַיין צוּ גֵיין אוֹיף דִי תּוֹרָה וֶועג. וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז זִי וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען צוּ קוּמֶען, וֶועט זִי זִיךְ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַן אַלְטֶע מֵיידְל מִיט גְרוֹיסֶע הָאר וָואס וֶועט אִיר זָאגְן זִי זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ, זִי זָאל דִיךְ אָפְּלָאזְן, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וֶוען דִי רַבָּנִים וָואלְטְן גְעוְוּיסְט דִי סַכָּנָה וָואס גֵייט פָאר מִיט טֶערֶעפִּי, ווִי דִי גוֹי'אִישֶׁע וֶועלְט, דִי גוֹי'אִישֶׁע טוּמְאָה וֶוערְט גֶעפִּיטֶערְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע פָאלְק דוּרְךְ דִי טֶערֶעפִּי - וָואלְטְן זֵיי זִיכֶער גֶעטוּן פַאר דֶעם עֶס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי דִיר אִיז גוּט, דַיין וַוייבּ אִיז אַן עֶרְלִיכֶע, אַ צַדֶיקֶת, אִיר הַארְץ אִיז אָפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לָאז אִיר קוּמֶען פְרֶעגְן אִירֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת. קוּם מִיט, זַיץ מִיט אִיר אוּן שְׁטַארְק אִיר זִי זָאל אַלֶעס פְרֶעגְן; ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ, אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

נָאךְ אֵיין זַאךְ. זָאג דַיין וַוייבּ אַז אִיךְ חַנְפְ'עֶ נִישְׁט; דָאס וֵוייסְטוּ אוֹיךְ גוּט, אַז וָואס אִיךְ הַאלְט - זָאג אִיךְ. אִיךְ זָאג אִיר זִי אִיז צְנִיעוּת'דִיג - זָאל זִי מִיר נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ זָאג נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, זִי אִיז זֵייעֶר אֵיידְל, אוּן אַז זִי מַאכְט זִיךְ דִי פָּנִים וְכוּ' - אִיז זִי נָאכְאַלְץ צְנִיעוּת'דִיג. דָאס וָואס זִי שְׁפִּירְט אַז נִישְׁט - זָאל זִי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְן, זִי זָאל לִיבּ הָאבְן אִיר לֶעבְן. מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה טוּישְׁט זִיךְ דִי טְרַאכְטְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - טוּישְׁט זִיךְ דִי גַאנְצֶע הִלּוּךְ הַמַּחְשָׁבָה. זִי אִיז אַ טֵייעֶרֶע פְרוֹי, אִיךְ וֵויס נִישְׁט צִי דוּ וֵוייסְט אוּן צִי דוּ בִּיסְט דָאס גֶענוּג מַחְשִׁיב.

זַיי אִיר מְחַזֵק זִי זָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְבְּרֶעכְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט; זִי מֵיינְט אַז נָאר זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דָארְט וִוי דוּ הַאלְסְט, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער - פְלֶעגְט מַיין וַוייבּ אוֹיךְ וֵויינֶען, זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז נָאר זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן; אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי אַלֶעמֶען. בַּאלְד וֶוערְן דִי קִינְדֶער גְרֶעסֶער, בַּאלְד וֶועט זַיין נַחַת, בַּאלְד וֶועסְטוּ זִיצְן בַּאקְוֶועם מִיט דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר בְּרֶענְגֶען, טְרָאגְן, מַאכְן, טוּן וְכוּ'.

אַוַודַאי אִיז אִין אָנְהוֹיבּ שְׁוֶוער, אָבֶּער דָאס מַאכְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן קִינְדֶער. דוּ וֵוייסְט, עֶס זֶענֶען דָא טֶערֶעפִּיסְטְן וָואס זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן דִי קְלֵיינֶע לֶעכְל אִין דִי אוֹיעֶר פַאר אַ מֵיידְל בֶּעבִּי וַוייל עֶס אִיז צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים, עֶס אִיז יְסוּרִים, עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, נֶעבֶּעךְ אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן. בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען יָא דִי קְלֵיינֶע לֶעכְל, עֶס טוּט וֵוי פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע אוּן דִי מֵיידְל טוּט מֶען אָן מִיט אַ הֶערְלִיכֶע אוֹיעֶרְרִינְגְל; גֵיי פְרֶעג דַיין וַוייבּ צִי זִי וֵויינְט נָאךְ פוּן דֶעם, אַזוֹי וֶועט זִי בַּאלְד דַארְפְן טְרַאכְטְן 'אָה טַאקֶע אַמָאל... הַיינְט אִיז אַ מְחַיֶה קִינְדֶער'.

עַל כָּל פָּנִים, לָאז אִיר קוּמֶען, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ פְרֶעגְן, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ לֶעבְן אַלֵיינְס אָן פְרֶעגְן.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הוֹיבּ אָן מִיט דַאנְקֶען. פַאר דוּ הוֹיבְּסְט אָן קְרֶעכְצְן, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן - זָאלְסְטוּ קוֹדֶם דַאנְקֶען, דָאס דַאנְקֶען וֶועט

דִיר עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ, עֶס וֶועט דִיר שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע שִׁינֶעס.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ עֶסְן נָאר גֶעזוּנְטֶע עֶסְנְוַוארְג**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶר גֶעזוּנְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל; אִיר דַארְפְט זַיין גֶעזוּנְט, אִיר זֶענְט אַ מַאמֶע, אַייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַ מַאמֶע.

עֶסְט נָאר גֶעזוּנְט; עֶסְט נָאר וָואס אִיז גוּט פַאר אַייךְ. אַייעֶר קָאפּ דַארְף זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן אַייעֶר הַארְץ, וֶוען אִיר גְלוּסְט אוּמְגֶעזוּנְטֶע עֶסְן דַארְף אַייעֶר מֹחַ זַיין שְׁטַארְק אוּן מַאכְן דִי פֶעסְטֶע הַחְלָטָה: 'נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן, אִיךְ עֶס נִישְׁט דִי נַאשׁ' וְכַדוֹמֶה.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיר וֶועט פָאלְגְן, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן. יֶעצְט וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער, אִיר וֶועט זָאגְן צוּ זִיךְ: 'אִיךְ דַארְף פָאלְגְן מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה'.

אַז אִיר וֶועט עֶסְן נָאר גֶעזוּנְט, גֶעבּ אִיךְ אַייךְ אַ בְּרָכָה פוּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן מִיט נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

**וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם אֱמֶת'ן צַדִיק, שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם גַן עֵדֶן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם צַדִיק אֱמֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנב): "כְּשֶׁמְּקָרְבִים לְצַדִּיק הָאֱמֶת", וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם אֱמֶת'ן צַדִיק, "טוֹעֲמִים טַעַם גַּן עֵדֶן", שְׁפִּירְט מֶען דֶעם טַעַם פוּן גַן עֵדֶן, מֶען הָאט אַ זִיס לֶעבְּן, עֶס אִיז שׁוֹין יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "כָּל מַה שֶּׁמָּשִׁיחַ יַעֲשֶׂה טוֹבוֹת לְיִשְׂרָאֵל", אַלֶעס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט טוּן מִיט

אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", קֶען אִיךְ שׁוֹין טוּן, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, "שֶׁמָּשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֶר וְיָקוּם", מָשִׁיחַ וֶועט הֵייסְן טוּן וֶועט מֶען פָאלְגְן, "אֶצְלִי עֲדַיִן יֵשׁ בְּחִירָה", בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה.

אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט פֶעלְזְן פֶּעסְט מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, שְׁטֶענְדִיג זֶע אִיךְ דִיךְ מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת וְכַדוֹמֶה. אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט אוֹיךְ שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַ מִינוּט צְוֵויי, דְרַיי. דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דִי דֶרֶךְ הַלִימוּד - דָאס הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי דִי תּוֹרָה וֶועג.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דִי עֵצוֹת - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## מַאן אוּן וַוייבּ גֵייעְן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף וַואקַאצְיֶע צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַלֶעס גוּטְס בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"א"שׁ אוּן בַּיי אַלֶע צַדִיקִים. וָואס דַארְפְן מִיר מֶער פוּן דֶעם וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז בַּיי זַיין צִיּוּן וֶועט מֶען פּוֹעֶלְ'ן כָּל מִינֵי יְשׁוּעוֹת.

דִי קְלוּגְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ פָארְן וַואקַאצְיֶע צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ פָארְן מַאן אוּן וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם.

עֶס קוּמְט צוּ בְּרֶעכְן וֶוען מֶען הֶערְט אִינְגֶעלַייט פָארְן אָן דִי וַוייבּ, מֶען פָארְט חֲבֵרִים אִינְאֵיינֶעם, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וַוייבְּלֶעךְ לָאזְן אִיבֶּער דִי מֶענֶער אוּן פָארְן קַיין פְלָארִידָא, מֶעקְסִיקָא, הָרֵי חוֹשֶׁךְ וְכַדוֹמֶה; נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ וִוי מַאן אוּן וַוייבּ פָארְן אִינְאֵיינֶעם. אַזוֹי הֵיילִיג, אַזוֹי אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן נָאךְ שֶׁענֶער אִיז אַז מֶען נוּצְט אוֹיס דִי וַואקַאצְיֶע אוֹיף פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז עֶפֶּעס אַ זוֹיבֶּערְקֵייט, אַ הֶעכֶערְקֵייט; דָארְט שְׁפִּירְט מֶען וִוי מֶען יָאגְט נִישְׁט, דֶער מֶענְטְשׁ פוּנֶעם גָארְטְן אִיז דָארְט (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא).

...

## אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דַיין הִתְנַהֲגוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל מָאנְרָא**

אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דַיין הִתְנַהֲגוּת, דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, דוּ גֵייסְט יֶעצְט בַּר מִצְוָה הָאבְּן - אוּן דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי שֵׁיין; דַיינֶע מִידוֹת זֶענֶען עֶפֶּעס אוֹיסְנַאם גוּט, דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז צוּם בַּאוואוּנְדֶערְן, אוּן דַיין הַתְמָדָה אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ קוּמְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דֶעם שִׁיעוּר גְּמָרָא.

זַיי שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אִים, וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן וֶוען מֶען בֶּעט אִים.

עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, דִי תְּפִילוֹת - אוּן מַאכְן דֶערְפוּן הֶערְלִיכֶע קְרוֹינֶען פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יג עַמּוּד ב; זוֹהַר בְּשַׁלַּח נח.) עֶס אִיז דָא אַ מַלְאָךְ סַנְדַּלְפוֹן, אַ רִיזִיגֶער מַלְאָךְ, פוּן דִי עֶרְד בִּיז'ן הִימְל, "וְקוֹשֵׁר כְּתָרִים", עֶר מַאכְט שֵׁיינֶע קְרוֹינֶען, "מִצְּלוֹתְהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל", פוּן דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף בִּיז'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## לִימוּד מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה מֶער פוּן אַנְדֶערֶע לִימוּדִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַנְ"ת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אַז לִימוּד מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה מֶער פוּן אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ גְלוּסְט צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה. וֶוען מֶען לֶערְנְט פְלַייסִיג מִשְׁנָיוֹת, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הוֹיבְּט אָן קָאכְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ קָאךְ צוּ לֶערְנֶען נָאךְ תּוֹרָה, מֶען הוֹיבְּט אָן גְלוּסְטְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ דִי תּוֹרָה.

אִיךְ וֵויס אַז דוּ לֶערְנְסְט לֶעצְטְנְס אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דוּ בִּיסְט גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; זָאלְסְטוּ

וויסְן, זַיי גְרֵייט אַז עֶס גֵייט אֵיין טָאג פְלַאצְן דִי בָּאמְבֶּע, דוּ גֵייסְט וֶוערְן פְּלוּצְלוּנְג הוּנְגֶערִיג פַאר דִי תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ זֶען מִיט שִׁיעוּרִים אוֹיף שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן מִיט אַזֶעלְכֶע גְרִינְגֶע, זִיסֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע וֶועגְן.

...

## נֶעם דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַאר חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

קֶען זַיין בַּיי דִי וֶועלְט אִיז עֶס אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָאס נִישְׁט דִי וֶועג, אַז מֶען פָארְט אַוֶועק מִיט חֲבֵרִים; אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנְט מֶען צוּ זַיין מִיט דִי וַוייבּ, פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ, זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן מִיט דִי וַוייבּ, זִיךְ אָפְּרוּעֶן מִיט דִי וַוייבּ; אִיז דָאס בַּיי מִיר אַ וואוּנְדֶער צוּ הֶערְן אַז דוּ זוּכְסְט זִיךְ גְלִיקְן.

דוּ הָאסְט שׁוֹין אַמָאל גֶעהַאט צוּטוּן מִיט אַ "חַבֵר" וָואס הָאט דִיךְ שִׁיעוּר אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, דָאס דַארְף זַיין גֶענוּג פַאר דִיר. דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט נֵייעֶ חֲבֵרִים, נֶעם דַיין וַוייבּ פַאר אַ חַבֵר, דַיינֶע קִינְדֶער פַאר חֲבֵרִים, דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

בַּיי מִיר אִיז פָארְן מִיט דִי וַוייבּ דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ, אוּן פָארְן מִיט אַ חַבֵר - אַ פַארְקֶערְטֶע זַאךְ.

גֶעדֶענְק, נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים; גֶעדֶענְק, נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶה; גֶעדֶענְק, נָאר דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דֶעם אוֹצָר בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

...

## דִי אַלֶע וָואס טְשֶׁעפֶּען און לַאכְן, וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעפָארְן אַ גַאנְצְן טָאג. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים נֵייעֶם בִּנְיָן הַדְפָּסָה אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוּקְן צוּ קוֹיפְן אַ קַאנְטְרִי, און נָאךְ זַאכְן; דָאךְ וִויל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער, דִיר מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט וַוייטֶער גֵיין הֲפָצָה, וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט וְכוּ׳; דִי אַלֶע וָואס טְשֶׁעפֶּען און מַאכְן פַּאקְסְן - דִי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. דִי אַלֶע וָואס לַאכְן און שְׁפֶּעטְן מֵיינֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, מֶען הָאט זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט וָואס מֶען רֶעדְט אַיין; דוּ גֵיי מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט, מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט זִיכֶערְקֵייט; טְרַאכְט ׳אִיךְ בִּין אַן הַצָּלָה מַאן׳, ׳אִיךְ לוֹיף רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן׳.

זַיי שְׁטַארְק מִיט חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אַנְשְׁטָאט רֶעדְן און פְלוֹישְׁן נַארִישְׁקֵייטְן - זָאלְסְטוּ זָאגְן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת און נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, כד): ״וַיִּפְרְקֵנוּ מִצָּרֵינוּ, כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ״, וַיִּפְרְקֵנוּ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פְּרָקִים, דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן אַלֶע צָרוֹת, ״כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ״.

...

## קוּק נִישְׁט קַיין סְטֶעטוּס, עֶס שַׁאדְט דִיר און דַיין מִשְׁפָּחָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ׳ אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִיר צוּ שְׁרַייבְּן כְּסֵדֶר פֵיינֶע פְרִישֶׁע חִיזוּק פוּן דֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה; בְּעִיקָר חִיזוּק אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן שְׁטַארְק זִיךְ פוּנְדַאסְנֵיי, הוֹיבּ צוּרִיק אָן דַיין שִׁיעוּר אִין חוּמָשׁ רַשִׁ״י, זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, וַוארְט נִישְׁט בִּיז סוֹף וָואךְ; לֶערְן אַבִּיסְל יֶעדְן

טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, לֶערְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ. מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, אִיז פַּארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכַל פוּן רַשִׁ״י״.

בְּלַאק דִי צֶעדְרֵייטֶע סְטֶעטוּ״ס, עֶס וָואלְט דִיר גֶעדַארְפְט זַיין אַ בּוּשָׁה צוּ קוּקְן אִין דֶעם; אַ שָׁאד פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה - זָאלְן צוּגְרִינְד גֵיין לְעוֹלָם וָעֶד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי׳ן; ווִי וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען, ווִי וָואלְטְן מִיר אוֹיסְגֶעזֶען - אָן דֶעם רֶבִּי׳ן? אָן מוֹהֲרָא״שׁ? אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וָואלְט גֶעוֶוען מִיט מִיר; אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזַא הֵיילִיגְקֵייט.

דָאס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, דוּ מֵיינְסְט אַז מֶען דַארְף דִיךְ נִישְׁט, דוּ טְרַאכְסְט אַז מֶען הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס - אַלֶע צַדִיקִים גֵייעֶן דָאס אַרִיבֶּער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס אִיז דָאס אוֹיךְ אַרִיבֶּער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן יב): ״הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל״, וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, ״רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל״, פַארְקֶערְט, ווִי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, ״כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן

הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", ווייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן און עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמֶה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה, עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעמֶען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶונְט און גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד פִּירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין און רֶעדְט שֵׁיין. מֶען גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מַיין וַוייבּ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', - מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין כַּמָּה פְּעָמִים גֶעשְׁרִיבְּן דוּ זָאלְסְט זֶען אַז דַיין וַוייבּ זָאל קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם; דוּ זֶע פוּן דַיין זַייט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער - אַז זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען; נָאר דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין מִיט רֶיוַח, דִי פְּרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען צוּ דִי פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם - קוּמֶען אַהֵיים אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט; זֵיי וֶוערְן מַמָּשׁ נֵייעֶ מֶענְטְשְׁן.

דִי וָואךְ, שַׁבַּת מְבָרְכִים אֲדָר ב׳, שַׁבַּת שְׁקָלִים, - וֶועל אִיךְ זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִין קְרְיַת בְּרֶסְלֶב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ אַלֶעס הָאבְּן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ״א אֲדָר א׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ - וֶועסְטוּ אַלֶעס הָאבְּן. דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אֵייגֶעְנֶע דִירָה מִיט שֵׁיינֶע מֶעבְּל אוּן אַ שֵׁיינֶע קַאר; אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִין דִיר, ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט רֶעדְן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער צוּ דַיין וַוייבּ. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן סט): ״עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה״, דָאס גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת אִיז בִּזְכוּת דִי וַוייבּ; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען רֶעדְט צוּ אִיר אַזוֹי ווִי עֶרְלִיכֶע אִידְן רֶעדְן, מֶען בֶּעט אִיר אַלְץ אִיבֶּער - דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַ רַייכֶע לֶעבְּן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים מט:) וָואס אִיז דִי חִילוּק פוּן אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן אוּן נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן? דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד בֶּעט אִיבֶּער זַיין וַוייבּ אוּן אִיז מִיט אִיר וְכוּ׳ וְכוּ׳, ווִידֶער דֶער נִישְׁט עֶרְלִיכֶער אִיד רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין, עֶר בֶּעט נִישְׁט אִיבֶּער, עֶר אִיז ווִילְד אַזוֹי ווִי אַ לֵייבּ וָואס צֶעבְּרֶעכְט דִי בֵּיינֶער וְכוּ׳.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיר מִיט דַיין עָבַר, זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"א אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווייס נִישְׁט פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט, קֵיינֶער הָאט צוּ מִיר נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף דִיר וְכוּ', אוּן אֲפִילוּ מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ מִיר - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. מִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט קַיין אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן קֵיינֶעם; וֶוען עֶס קוּמֶען בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה - הֶער אִיךְ נִישְׁט אוֹיס זֵייעֶר עָבַר, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ פַאר גָארְנִישְׁט; וֶוער עֶס ווִיל קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען אִיז אַ גֶעזוּנְטֶער בָּחוּר (אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר וָואס לוֹיפְט נָאךְ קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים רַחֲמָנָא לִצְלָן הָאט דָא נִישְׁט קַיין פְּלַאץ) - קֶען דָא קוּמֶען; זָאל מֶען הָאבְּן גֶעטוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט קַיין אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

מוֹהֲרַא"ש הָאט מִיר כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט: "הֶער נִישְׁט אוֹיס יֶענֶעמְס עָבַר"; מוֹהֲרַא"ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן אַלְץ אָפְּלָאזְן הֵיכַל הַקוֹּדֶשׁ אוּן רֶעדְן כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיף אִים, וַוייל עֶס הָאט זֵיי גֶעפַּיינִיגְט אַז אֵיינֶער ווייסְט וֶוער זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען, עֶס הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעגֶעסְן אַז זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר עָבַר, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט צוּ בַּאגְרָאבְּן מוֹהֲרַא"ש. וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען קוּמְט אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹּדֶשׁ - וֶוערְט מֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, אַ גְרוֹיסֶער מִתְבּוֹדֵד; נָאכְדֶעם הָאט מֶען חֲרָטָה 'אֵיינֶער ווייסְט מַיין עָבַר...'

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן גָארְנִישְׁט; אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיר מִיט דַיין עָבַר - זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, עֶנְטְפֶער נִישְׁט צוּרִיק; אֵיין בִּזָּיוֹן, אֵיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת - אִיז מֶער פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן כה): "חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ שֶׁל הָאָדָם הוּא גְּדוֹלָה מִתַּעֲנִית", אֵיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן פוּן פַאסְטְן; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד:) אַמָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רֶעגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רַב פָּפָּא גוֹזֵר תַּעֲנִית גֶעוֶוען אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין רֶעגְן, רַב פָּפָּא אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוַואךְ הָאט עֶר גֶעגֶעסְן אַ

לֶעפְּל גְרִיז זִיךְ צוּ דֶערְכַאפְּן דָאס הַארְץ, זָאגְט אִים רַב נַחְמָן: "בַּר אוּשְׁפִּזְתִּי", אוֹיבּ אִיר וֶועט עֶסְן נָאךְ אַ לֶעפְּל גְרִיז - אֶפְשֶׁר וֶועט קוּמֶען רֶעגְן, "חֲלַשׁ דַּעְתֵּיהּ, וְאָתָא מִיטְרָא", עֶר הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֶעגְן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אַז דָאס אִיז גְרֶעסֶער פוּן עֲבוֹדוֹת אוּן סִיגוּפִים.

וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ מִיר בָּחוּרִים וֵויינֶען, וָואס זָאלְן זֵיי טוּן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּיסְט אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן וָואס נִישְׁט צוּ טוּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטְשֶׁעפֶּעט קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן; לֵיידֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן זַיין הֵיילִיג, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית קוֹדֶשׁ; יֶעצְט וֶוען זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט, אוּן וֶוען זֵיי טְרֶעפְן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער מִיט וֶועם זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, שְׁרֵייעֶן זֵיי: "מְנִיוָול!" זֵיי שְׁרֵייעֶן: "וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ וִוי אַן עֶרְלִיכֶער? דוּ בִּיסְט אַ שֶׁגֶץ!" זֵיי בֶּעטְן אַן עֵצָה, זֵיי זָאגְן: "וָואס קֶענֶען מִיר יֶעצְט טוּן אַז מִיר ווִילְן זַיין גוּט? מִיר טוּעֶן מֶער נִישְׁט דִי זַאכְן, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אוּמְשׁוּלְדִיג, קֵיינֶער הָאט אוּנְז נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז עֲבֵירוֹת", זֵיי פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן; זָאג אִיךְ זֵיי: "נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, דָאס אִיז דַיין תִּיקוּן; זֵיי וֶועלְן דִיר נָאכְשְׁרֵייעֶן, אוּן דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין בִּזְכוּת דִי בִּזְיוֹנוֹת, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:) 'כָּל הָעוֹשֶׂה דְּבַר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בּוֹ', וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אוּן עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט פוּן דִי עֲבֵירָה, 'מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו', אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף דִי עֲבֵירָה אוּן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ פְרִישׁ מְקוּרָב, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים קְבוּעִים; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען חָשׁוּב דֶער וָואס לֶערְנְט. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל תְּחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב):

"בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבֵי חֲתָנִי", איך בעט דיר מיין ליבער איידעם: "שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק", לערן יעדן טאג גמרא און הלכה, "שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר", מאך נישט פון נישט וויכטיגע זאכן - אן עיקר, "רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", זע זיך צו פירן מיט יראת שמים, ווייל דאס איז דער עיקר; מען זעט וואס איז געווען ביים רבי'ן דער עיקר, נאר תורה ותפלה ויראת שמים.

אז דו פארשטייסט נישט דאס לערנען - זאלסטו זאגן די ווערטער, דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", ווען מען לערנט דארף מען נישט מער פון זאגן די ווערטער, אז מען זאגט די ווערטער וועט מען שפעטער ממילא פארשטיין; זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, משניות און גמרא; הער נישט אויס די לצים וואס מאכן חוזק פון ערליכע אידן, די וואס שפעטן פון לערנען; די אלע וואס שפעטן פונעם סדר דרך הלימוד - זענען בעלי עבירה, אן ערליכער איד וועט קיינמאל נישט חוזק מאכן פון תורה, די וואס שפעטן - זענען פגום'דיגע מענטשן; דו פאלג דעם רבי'ן.

דעם פארגאנגענעם וואך פרייטאג צו נאכטס האב איך געהאט אן איבערראשונג, עס איז געקומען צו מיר א משפחה זיי ווילן מאכן ביי מיר אין שטוב א סיום אויף ששה סדרי משנה מאה פעמים ואחד. דער אינגערמאן זאגט אז נאר בזכות די חיזוק פון די בריוו און די שיעורים האט ער דאס געקענט באווייזן; דו הערסט וואס דא גייט פאר, א אינגערמאן האט זוכה געווען צו לערנען און ענדיגן הונדערט און איין מאל משניות! נישט איינער וואס האט א שווער וואס האלט אים אויס, א טאטע וואס האלט אים אויס; אסאך מענטשן חלומ'ן זיך 'ווען איך וועל חתונה האבן, מיין שווער וועט מיר אויסהאלטן, מיין טאטע וועט מיר געבן א הויז, מיין זיידע וועט מיר קויפן א קאר, מיין באבע וועט מיר געבן א שיף - דעמאלט וועל איך לערנען', דו ווייסט דאך ווי אזוי די נארישע חלומות גייען; דער אינגערמאן וואס האט מסיים געווען ששה סדרי משנה הונדערט און איין מאל - נישט זיין טאטע, נישט זיין שווער און נישט זיין זיידע, קיינער געבט אים גארנישט, ער מוטשעט זיך צו ברענגען ברויט און מילך; דאך האט ער זוכה געווען אריינצוכאפן אזוי פיל.

אינטערעסאנט איז, אין די בלאט גמרא פון שבת איז געשטאנען דאס

גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל (חֲגִיגָה ט:): "אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים, לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", עֶס אִיז נִישְׁט אֵיינִיג דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס לֶערְנְט הוּנְדֶערְט מָאל מִשְׁנַיּוֹת צוּ דֶער וָואס הָאט אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, דִי גְמָרָא זָאגְט דָאךְ גְלַייךְ נָאךְ דֶעם וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם: "צֵא וּלְמַד מִשּׁוּק", מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז דָאס, מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט אוּנְז דָאס.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים; שְׁנַייד נִישְׁט דַיין בָּארְד, פּוּץ נִישְׁט דַיין בָּארְד, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דֶעם בָּארְד, לָאז עֶס וַואקְסְן. עֶס אִיז דָא אַ דִבּוּר פוּן רֶבִּי'ן: "וָואס דַארְף אַ נִפְטָר זָארְגְן וֶוען עֶר וֶועט לִיגְן אוֹיפְ'ן עֶרְד מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת"; מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דֶעם גוֹי טָמֵא, בְּלַייבּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הֶערְן נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ג אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט): "גָּדוֹל שָׁלוֹם, שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה בַּמַּיִם כְּדֵי לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי חָשׁוּב עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען דַארְף אוֹיסְמֶעקְן דֶעם אֵייגֶענֶעם נָאמֶען אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

קְלַאפּ אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען פוּן אַנְטְלוֹיפְן וְכוּ'; וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז דִיר יֶעצְט - וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ בִּיטֶערֶער אַלֵיינְס.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע שִׁיעוּר; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, הֶערְן נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט

אַלֶעס און מֶען טוט אַלֶעס - אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען הֶערְן דִי הִתְחַזְקוּת, אִיךְ וִויל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-שְׁקָלִים, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ד אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי וָואךְ שַׁבַּת שְׁקָלִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע צַייט. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ וַוארְט אוֹיף שַׁבַּת שְׁקָלִים זִיךְ צוּ קֶענֶען זֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צְדָקָה חֵלֶק ב, סִימָן יט): "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ דִי שְׁקָלִים וָואס מֶען גֶעבְּט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז דִי שְׁקָלִים רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע? זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט דֶער זַאךְ, עֶר וֵוייסְט 'אִיךְ בִּין נָאר הַאלְבּ, אִיךְ דַארְף שְׁטֶענְדִיג צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ דַארְף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף, אִיךְ קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט טוּן אַלֵיינְס' - דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס, אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף**", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידּוּשִׁין ל:): "אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ, אֵין יָכוֹל לוֹ", אָן דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶענֶען מִיר זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט נָאךְ אַ זַאךְ, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט אַז מִיר הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, אָבֶּער דָאס אִיז אוֹיךְ פוּן מוֹהֲרַא"שׁ; וַוייל אַלֶעס וָואס מִיר רֶעדְן אִיז פוּן צֵרוּפֵי דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, אַלֶעס וָואס מִיר שְׁטַארְקְן זִיךְ, וָואס מִיר הָאבְּן - אִיז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי שְׁקָלִים רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע? נָאר רוֹב מָאל טוּט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ תְּשׁוּבָה וַוייל עֶר

מֵיינְט אַז עֶר דַארְף טוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פוּן אִים עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת כט.): "שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים הָיוּ קָשִׁים לוֹ לְמֹשֶׁה", דְרֵיי זַאכְן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעדַארְפְט וַוייזְן וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס, דִי מְנוֹרָה, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן שְׁרָצִים; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט דִי מְנוֹרָה, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט קִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ אוּן וָואס מֶעג מֶען יָא עֶסְן אוּן וָואס נִישְׁט, בַּיי דִי אַלֶע דְרֵיי פְּלֶעצֶער שְׁטֵייט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן: "וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה" (בַּמִּדְבָּר ח, ד), אַזוֹי מַאכְט מֶען דִי מְנוֹרָה; אַזוֹי אוֹיךְ "הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם" - כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ (שְׁמוֹת יב, ב; רַשִׁ"י שָׁם), אוּן "זֹאת הַחַיָּה" (וַיִּקְרָא יא, ב), כִּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דִי חַיָּ' אוּן אִים גֶעוִויזְן 'דָאס עֶסְט מֶען נִישְׁט, אוּן דָאס עֶסְט מֶען יָא'; פְרֶעגְט תּוֹסְפוֹת (מְנָחוֹת שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל שְׁלֹשָׁה דְבָרִים): "פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל וָואס עֶס שְׁטֵייט דֶערְבַּיי 'זֶה יִתְּנוּ' (שְׁמוֹת ל, יג), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן וָואס צוּ גֶעבְּן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַרְבֶּעט דִי זַאךְ פוּן מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל; פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען דָאס נִישְׁט אוֹיס אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן?" עֶנְטְפֶערְט דֶער שִׁיטָה מְקֻבֶּצֶת: "דִי זַאךְ וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ וִוי דָארְט, בַּיי דִי דְרֵיי זַאכְן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי מְצִיאוּת הַדְּבָרִים וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, אָבֶּער דָא הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ יָא פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דָאס אַ שֶׁקֶל, עֶר הָאט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וִוי אַזוֹי קֶען זַיין מֶען גֶעבְּט אַזַא קְלֵיינִיקֵייט, 'דָבָר מוּעָט יְכַפֵּר עַל עָוֹן', אַ קְלֵיינֶע הַאלְבֶּע דָאלֶער זָאל אָפְּמֶעקְן אַלֶע עֲבֵירוֹת?! דָאס הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוִויזְן, אַז אַ אִיד בְּרֶענְגְט אַ קְלֵיינִיקֵייט, עֶר בְּרֶענְגְט זַיין הַארְץ - אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת".

דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ דִי שְׁקָלִים וָואס מֶען גֶעבְּט - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; אַז מֶען וֵוייסְט 'אִיךְ קֶען מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע זַאכְן פוּן מִיר, אִיךְ דַארְף נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת' - דָאס רַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

נָאךְ אַ סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן קֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאגְט 'אִיךְ וֶועל סֵיי וִוי נִישְׁט אָנְהַאלְטְן מַיינֶע פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת, אִיךְ הוֹיבּ שְׁטֶענְדִיג אָן אוּן אִיךְ פַאל, אִיךְ קֶען נִישְׁט הַאלְטְן קַיין גַאנְצֶע זַאךְ'; זָאגְט מֶען דֶעם

מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע שֶׁקֶל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַ מַחֲצִית, אַ הַאלְבֶּע עֲבוֹדָה"; הוֹיבּ אָן, מַאךְ עֶפֶּעס, טוּ עֶפֶּעס, מַאךְ הַאלְבּ, מַאךְ אוּן הֶער אוֹיף, טַאקֶע דָאס דַארְף מֶען פוּן דִיר; לֵיין אֵיין טָאג קְרִיאַת שְׁמַע, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶונען אֵיין תְּפִלָּה, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן אֵיין מָאל, הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ מָארְגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען; מַאךְ אַ הַאלְבּ, הוֹיבּ אָן, הוֹיבּ אָן אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן אַז מָארְגְן וֶועסְטוּ אָפְּלָאזְן; דָאס דַארְף מֶען פוּן דִיר, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע זַאכְן, מֶען דַארְף אַ מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ דִי שְׁקָלִים וָואס מֶען גֶעבְּט - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, ווַייל דָאס אִיז דִי וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, אַז מֶען אִיז גְרֵייט צוּ זַיין נָאר הַאלְבּ, מֶען אִיז גְרֵייט אוֹיף הַאלְבֶּע קַבָּלוֹת.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, שַׁבָּת שְׁקָלִים אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ נָאר פַאר צַדִּיקִים, דָאס אִיז פַאר מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ יֶעצְט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֵיי זִיךְ יֶעצְט צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה, לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען שֵׁיין רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, שְׁקָלִים לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען 'אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נָאר הַאלְבּ, אִיךְ דַארְף הָאבְּן מַיין וַוייבּ'; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן. דָאס אִיז פְּשַׁט: "עַל יְדֵי נְתִינַת שְׁקָלִים נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע", דוּרְךְ דִי שְׁקָלִים וָואס מֶען גֶעבְּט וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי זַאךְ 'אִיךְ בִּין נָאר הַאלְבּ' - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

אִיךְ מוּז שׁוֹין עֶנְדִיגְן שְׁרַייבְּן ווַייל אִיךְ דַארְף לוֹיפְן, זַייט גֶעזוּנְט, אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֵּאֶר קִינְדֶער

## מַיין צַיין טוּט וֵויי

"מַיין צַיין טוּט זֵייעֶר וֵויי; אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, מַיין צַיין טוּט מִיר וֵויי, דָא, דֶער צָאן..."

מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶועןְ אַמָאל בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעבְּן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ אִיד, אַ סְפַרְדִי'שֶׁער אִיד, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט. מוֹהֲרָא"ש הֶערְט וִוי עֶר זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַיין צַיין טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ יִסוּרִים בַּיי דִי צֵיינֶער"; עֶר זָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא, דֶער צָאן", מוֹהֲרָא"ש גֶעבְּט אַ קוּק, עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד וַוייזְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְכֶע צַיין עֶס טוּט אִים וֵויי, אַזוֹי וִוי מֶען וַוייזְט פַּארְ'ן צַיין דָאקְטֶער וֶועלְכֶע צַיין עֶס טוּט וֵויי.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: "מִיר הָאט זֵייעֶר

גֶעפָאלְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְן אִים אוּן עֶר קֶען וַוייזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ עֶס טוּט אִים וֵויי, וָואס טוּט אִים וֵויי".




אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער צָאן אִיז עֶס

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אָפְּשְׁטַאמִיגֶע אִידְן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן אַ שְׁטַארְקֶע

תְּמִימוּת; אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְן מִיר און אִים בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן, און אָן תַּרְעוּמוֹת נָאר בִּתְמִימוּת נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן און קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפָארְן, רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ תָּמִים, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט לִיבּ אַ אִיד וָואס לֶעבְּט בִּתְמִימוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן..."



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718-387-2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com